# גליון היכל הקודש


וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת ויגש, י"א טבת, שנת תשפ"ד לפ"ק

שנה 13, גליון 12 (632)


**זמנים (NYC)**

הדלקת הנרות.................. **4:14**
מוצאי שב"ק..................... **5:45**

**שיעורים כסדרן**

נ"ך.......... משלי ל"א– איוב א'
בבלי.................. בבא קמא נ"א
ירושלמי...................... שבת י'
תוספתא................. פסחים ג'
רמב"ם.......... יבום וחליצה א'

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וְעַתָּה אַל תֵּעָצְבוּ וְאַל יִחַר בְּעֵינֵיכֶם כִּי מְכַרְתֶּם אֹתִי הֵנָּה, דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה כא, ו) אֵין וְעַתָּה אֶלָּא לָשׁוֹן תְּשׁוּבָה, דָאס וָוארְט וְעַתָּה מֵיינְט תְּשׁוּבָה. דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס הָאט דֶער וָוארְט וְעַתָּה מִיט תְּשׁוּבָה?

דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אוֹיף אַסַאךְ פְּלֶעצֶער, אַז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז, אַז מֶען זָאל פַארְגֶעסְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן בִּיז יֶעצְט אוּן אָנְהֵייבְּן שְׁטֶענְדִיג פוּן נֵיי אַזוֹי וִוי מֶען וָואלְט יֶעצְט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, מֶען הֵייבְּט יֶעצְט אָן צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיבּ גֶעדֶענְקְט מֶען אַלֶע דוּרְכְפֶּעלֶער וָואס מֶען הָאט גֶעהַאט, וֶוערְט מֶען זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג, מֶען וֶוערְט אִין כַּעַס, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן, דֶערְפַאר דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג פַארְגֶעסְן וָואס סְ'אִיז גֶעוֶוען, אוּן אַזוֹי קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן זֶעט מֶען אַז אַלֶע דוּרְכְפֶּעלֶער וָואס מֶען הָאט גֶעהַאט, אִיז גָאר גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע טוֹבוֹת, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיכֶער גֶעפִירְט אַזוֹי צוּם גוּטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כ"ו), בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה, פַארְגֶעסְן, אַ גְרוֹיסֶער חִסָרוֹן, אָבֶּער אִין מַיינֶע אוֹיגְן הָאט שִׁכְחָה אַ גְרוֹיסֶע מַעֲלָה. וַוייל וֶוען נִישְׁט וָואס אַ מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט, וָואלְט עֶר גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וָואלְט גֶעדֶענְקְט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, וָואלְט עֶר זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְהוֹיבְּן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וָואלְט אַלְץ גֶעהַאט בִּלְבּוּלִים פוּן זַאכְן וָואס עֶר אִיז דוּרְךְ. אָבֶּער דוּרְךְ דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט, קֶען עֶר זִיךְ אַלְץ אוֹיפְפְרִישְׁן אוּן אָנְהוֹיבְּן פוּן נֵיי.

דֶער רֶבִּי אַלֵיין הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ (שָׁם) אַז עֶר טְרַאכְט קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק וָואס סְ'אִיז גֶעוֶוען פְרִיעֶר, וִוי נָאר אַ זַאךְ גֵייט אַרִיבֶּער, גֵייט עֶס אִינְגַאנְצְן אַרוֹיס פוּן זַיין קָאפּ, עֶר טְרַאכְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אִיבֶּער וָואס סְ'אִיז גֶעוֶוען אַמָאל.

דֶערְפַאר זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ אֵין וְעַתָּה אֶלָּא לָשׁוֹן תְּשׁוּבָה; וְעַתָּה - אוּן יֶעצְט, אוֹיבּ אִיךְ הֵייבּ אָן פוּן יֶעצְט, אִיךְ פַארְגֶעס אַלֶעס וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, דַאן אִיז דָאס אַ לָשׁוֹן תְּשׁוּבָה, דָאס אִיז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק. וְעַתָּה, אוּן יֶעצְט, וֶוען דוּ הֵייבְּסְט אָן "פוּן יֶעצְט", דַאן, אַל תֵּעָצְבוּ - וֶועסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן טְרוֹיעֶרִיג, וְאַל יִחַר בְּעֵינֵיכֶם - אוּן דוּ וֶועסְט נִישְׁט וֶוערְן גֶערֶעגְט, נָאר פַארְקֶערְט, כִּי לְמִחְיָ' שְׁלָחַנִי אֱלֹקִים לִפְנֵיכֶם - דוּ וֶועסְט זֶען אַז אַלֶעס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִירְט צוּם גוּטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעפִירְט אַז מֶען זָאל פַארְקוֹיפְן יוֹסֵף, כְּדֵי עֶר זָאל נָאכְדֶעם קֶענֶען שְׁפֵּייזְן דִי אִידְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיִּגַּשׁ ג)

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ

דֶעם פְרַייטָאג, עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, גֶעפַאלְט דִי יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זי"ע. רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אִין יָאר תק"מ לפ"ק, צוּ זַיין טַאטֶע רֶבִּי נַפְתָּלִי הִירְץ ז"ל אוּן זַיין מַאמֶע לַאנֶיע ע"ה. עֶר אִיז אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אִין שְׁטָאט נֶעמִירוֹב, זַיין טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד חָכָם, עֶר אִיז אָבֶּער אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער סוֹחֵר אוּן אַן עוֹשֶׁר, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, אוּן צוּ דוּרְכְלֶערְנֶען יֶעדֶע וָואךְ דִי מֶדְרָשׁ אוֹיף דִי פַּרְשָׁה.

בַּיי דִי דְרַייצְן יָאר אִיז רֶבִּי נָתָן אַ חָתָן גֶעוָוארְן, אוּן הָאט עֶר חֲתוּנָה גֶעהַאט צוּ זַיין וַוייבּ אֶסְתֵּר שֵׁיינְדְל ע"ה, אַ טָאכְטֶער פוּן אֵיינֶע פוּן דִי גְדוֹלֵי הַדּוֹר אִין יֶענֶע תְּקוּפָה, הַגָּאוֹן הַגָּדוֹל רֶבִּי דָוִד צְבִי אוֹיעֶרְבָּאךְ זי"ע וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען רָב אוֹיף דְרֵיי גְרוֹיסֶע שְׁטֶעט שַׁארִיגְרַאד, מָאֶהלוֹב אוּן קְרֶעמְנִיץ, אוּן אוֹיף נָאךְ פִילֶע קְלֵיינֶע שְׁטֶעט אוּן דֶערְפֶער אַרוּם. רֶבִּי דָוִד צְבִי אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי ר' בָּרוּכְ'ל פוּן מֶעזְשִׁבּוּזְשׁ זי"ע הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף אִים אַז אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא גֵייט מִיט אִים מִיט שְׁטֶענְדִיג.

רֶבִּי נָתָן אִיז שׁוֹין דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער מַתְמִיד אוּן אַ לַמְדָן עָצוּם, עֶר הָאט גֶעקֶענְט שַׁ"ס וּפוֹסְקִים, אַזוֹי וַוייט אַז עֶר הָאט גֶעקֶענְט אִיבֶּערְגֵיין אוֹיף אוֹיסְנֶעוֵוינִיג יֶעדֶע תּוֹסְפוֹת אִין שַׁ"ס אִין דִי רֵייעֶ. זַיין שְׁוֶוער הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעהַאלְטְן פוּן אִים, אוּן עֶר הָאט גֶעהָאפְט אַז רֶבִּי נָתָן וֶועט אִיבֶּערְנֶעמֶען זַיין רַבָּנוּת נָאךְ זַיינֶע הוּנְדֶערְט אוּן צְוָואנְצִיג.

כָאטְשׁ וָואס זַיין שְׁוֶוער אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיס, הָאט עֶר אָבֶּער נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּנֶעם דֶרֶךְ הַבַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, עֶר פְלֶעגְט אָנְזָאגְן זַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיידִימֶער אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט מִתְחַבֵּר זַיין צוּ דִי חֲסִידִים. וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז אָבֶּער גֶעזֶעסְן אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ אוּן גֶעלֶערְנְט הָאבְּן דִי חַסִידִישֶׁע אִינְגֶעלַייט אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ גֶערֶעדְט מִיט אִים אוּן זִיךְ גֶע'טַעֲנָה'ט מִיט אִים, אוֹיפְוַוייזְנְדִיג אַז דִי תַּלְמִידֵי הַמַּגִּיד זֶענֶען גָאר גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, אוּן מִיטְ'ן גֵיין צוּ זֵיי וֶועט זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן זַיין הַארְץ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֱמֶת.

זֵייעֶרֶע וֶוערְטֶער הָאבְּן גֶע'פּוֹעֶלְ'ט אוֹיף אִים אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פָארְן צוּ דִי צַדִּיקִים פוּן יֶענֶעם דוֹר. עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן רֶבִּי בָּרוּכְ'ל פוּן מֶעזֶעבִּיזְשׁ זי"ע, צוּם רֶבִּי'ן רֶבִּי זוּשָׁא זי"ע, צוּ הרה"ק רֶבִּי מָרְדְכַי פוּן קְרֶעמְנִיץ זי"ע, צוּ הרה"ק רֶבִּי גְדַלְיָ' מְלִינִיץ זי"ע, צוּ הרה"ק רֶבִּי שָׁלוֹם מִפְּרָאבִיטְשׁ זי"ע, אוּן צוּ הרה"ק רֶבִּי אַבְרָהָם דוֹב מְחַמֶעלְנִיק זי"ע. דִי צַדִּיקִים הָאבְּן אִים זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט אוּן אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיט אִים.

שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן צַדִּיק הרה"ק רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק פוּן בַּארְדִיטְשׁוּב זי"ע וָואס הָאט אִים זֵייעֶר מְקָרֵב גֶעוֶוען אוּן אִים גֶערוּפְן מִיט לִיבְּשַׁאפְט "מַיין נָתָנְ'לֶע". רֶבִּי נָתָן אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן בַּיי דִי צַדִּיקִים, עֶס הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיין הַארְץ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בֶּאֱמֶת, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן פוּן דִי חַסִידִישֶׁע ווִירְטְשַׁאפְט, עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אַז דָאס פַארְבְּרֶענְגֶען בַּיי סְעוּדוֹת אוּן שְׁמוּעֶסְן אִיז סְתַּם בִּיטוּל זְמַן, עֶס אִיז אַ שָׁאד צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען דִי צַייט וֶוען אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט קֶען מֶען זִיצְן אוּן לֶערְנֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.


<<<<<<


## א גוט ווארט

אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג שְׁפַּאצִירְן, אִיךְ הָאבּ אַזוֹי גֶעוָואלְט זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין וֶוערְטֶער, אִיךְ הָאבּ דִי גַאנְצֶע וֶועג גֶעזָאגְט אֵיין וָוארְט: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אֵייבֶּערְשְׁטֶער", אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זֵייעֶר צוּפְרִידְן אַז דִי אֵיין וָוארְט קֶען אִיךְ כָאטְשִׁיג זָאגְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן צו), אֲפִילוּ מֶען קֶען נָאר זָאגְן "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם" – אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר גוּט.

אַזוֹי בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אַרוֹיף אוּן אַרָאפּ, נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט 'אִיךְ גֵיי פְּרוּבִּירְן נָאכְאַמָאל', אִיךְ בִּין צוּרִיק אַרוֹיף דֶעם בַּארְג, אוּן בַּיים צְוֵוייטְן מָאל הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעהַאט גוּטֶע שְׁמוּעֶסְן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גוּט אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, אוֹיסְגֶעדַאנְקְט, בָּרוּךְ ה'.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס, וַוייל דוּ מֵיינְסְט אַז נָאר דִיר גֵייט נִישְׁט, זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז אַסַאךְ טֶעג אִיז מַיין הִתְבּוֹדְדוּת אֵיין וָוארְט; נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל "אֵייבֶּערְשְׁטֶער".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מִקֵּץ תשפ"ד)

## בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וָואס מֶען רַאטֶעוֶועט אַלְץ מִיט הַפָּצָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, ז' דְּחַנוּכָּה, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

נֶעם אַ זֶעקְל סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פוּן עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן גֵיי דֶערְמִיט אִין דִי הַייזֶער רַאטֶעוֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער; דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וָואס הַפָּצָה אִיז אוּן וָואס מֶען רַאטֶעוֶועט אַלְץ מִיט הַפָּצָה, ווִיפִיל אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער גֵייעֶן חָרוּב וְנֶחְרַב פוּן דֶעם וָואס אִינְגֶעלַייט הָאבְּן נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל ווִי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט אַ ווַייבּ, אוּן מִיט אַ קוּנְטְרֵס קֶען מֶען זֵיי פָּשׁוּט אָפְּרַאטֶעוֶוען.

אַז עֶס אִיז דִיר אוּנְטֶער גֶעקוּמֶען צוּ הֶערְן פוּן דֶער נָאנְט ווִי אַזוֹי עֶס זֶעט אוֹיס שְׁטִילֶערְהֵייט אִין הַייזֶער צְווִישְׁן מַאן אוּן ווַייבּ וְכוּ', אִיז דָאס ווַייל פוּן הִימְל ווִיל מֶען דוּ זָאלְסְט גֵיין "הַפָּצָה"; דוּ זָאלְסְט גֵיין טֵיילְן סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים אוּן סִידוּרִ'ס פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, רַאטֶעוֶוען אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעשְׁרִיבְּן וואוּנְדֶערְלִיכֶע סְפָרִים אוֹיף שְׁלוֹם בַּיִת וָואס אִיז שׁוֹין דָא הַיינְט אוֹיף אַפָּאר שְׁפְּרַאכְן. אִין לְשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ אִיז דָא: "אוֹצַר שָׁלוֹם בַּיִת", אִין אִידִישׁ אִיז דָא עֶטְלִיכֶע שֵׁיינֶע סְפָרִים: "מְכַבֵּד זַיין דִי ווַייבּ"; "מְכַבֵּד זַיין דֶעם מַאן"; "שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ"; "זִיךְ גֶט'ן אִיז נִישְׁט דִי עֵצָה"; אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דָא אִין עֶנְגְלִישׁ עֶטְלִיכֶע סְפָרִים. זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי קוּנְטְרֵסִים אוּן גֵיין בַּיי דִי הַייזֶער וֶועסְטוּ לִיכְטִיג מַאכְן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דֶעם סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל, דִי בְּרִיוְון פוּן מוֹהֲרָא"שׁ וָואס אִיז מְחַזֵק אוּן מְעוֹדֵד יֶעדְן אֵיינֶעם. ווִי צֶעבְּרָאכְן מֶען זָאל נָאר נִישְׁט זַיין וֶוערְט מֶען גֶעשְׁטַארְקְט דוּרְךְ דִי בְּרִיוְון; אוֹיךְ אִיז דָא אִין דִי בְּרִיוְון אַ וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן אִין שְׁטוּבּ אָן קַיין חוּמְרוֹת אוּן פְּרִישׁוּת. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן אוֹיף דִי וָואס לֶערְנֶען חוּמְרוֹת אוּן פְּרִישׁוּת פַאר חֲתָנִים, אַז זֵיי זֶענֶען עָתִיד לִיתֵּן אֶת הַדִּין, זֵיי זֶענֶען גוֹרֵם מֶען זָאל זִיךְ קְרִיגְן אִין שְׁטוּבּ אוּן רוֹב גִיטִין קוּמֶען פוּן דֶעם וָואס מֶען אִיז מַדְרִיךְ מִיט פַאלְשֶׁע לִימוּדִים, זֵיי הָאבְּן אַ תַּאֲוָה צוּ זָאגְן חוּמְרוֹת פַאר אַ צְוֵוייטְן וְכוּ'; דֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיף דֶעם זֵייעֶר שַׁארְף (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת הוֹרָאָה, סִימָן ה): "מִי שֶׁמַּחְמִיר לַאֲחֵרִים וּמֵקֵל לְעַצְמוֹ", וֶוער עֶס לֶערְנְט פַאר אַ צְוֵוייטְן חוּמְרוֹת וֶוען עֶר אַלֵיינְס אִיז ווַייט פוּן דֶעם אַלֶעם, "עַל-יְדֵי-זֶה אֵינוֹ זוֹכֶה לִרְאוֹת בְּיֹפִי הַמֶּלֶךְ", וֶועט עֶר נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה כה, ח): "אַל תְּהֵא אוֹמֵר עַל מַה שֶּׁלֹּא שָׁמַעְתָּ, שָׁמַעְתִּי, וְלֹא תְהֵא אוֹסֵר לַאֲחֵרִים וּמַתִּיר לְעַצְמוֹ, אֶלָּא יִהְיוּ יוֹצְאִין מִפִּיךָ נֶאֱמָנִין כְּשֵׁם שֶׁיָּצְאוּ מִפִּי מֹשֶׁה, וַאֲנִי מַרְאֶה לְךָ יֹפִי פָּנִים אֶל פָּנִים", עַיֵּין שָׁם; ווִיפִיל אִינְגֶעלַייט פַאלְן נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ אִין הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן נָאר צוּלִיבּ דִי פַאלְשֶׁע חֲתָנִים אוּן כַּלָּה טִיטְשֶׁערְס וָואס זֵיי פַארְקוֹיפְן זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע פַארְקְרוּמְטֶע וֶועגְן?! מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן זֵיי.

אִין זְכוּת פוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן פַאר אַנְדֶערֶע וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין אַז מָשִׁיחַ וֶועט אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן פוּן גָלוּת אוּן אוּנְז פִירְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

**אַ לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה אוּן אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פָּרָשַׁת וַיִּגַּשׁ תש"פ)



עֶר הָאט גֶעזֶען דִי עֲבוֹדָה פוּן דִי אַלֶע צַדִּיקִים, עֶס אִיז אִים זֵייעֶר גֶעפָאלְן, עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעוואוּסְט דִי וֶועג ווִי אַזוֹי עֶר קֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ צַדִּיק. עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים, עֶר הָאט נִישְׁט אַרוֹיס גֶעהַאט קְלָאר וָואס אוּן ווִי אַזוֹי דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיז צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אֵיינְמָאל אִיז עֶר גֶעזֶעסְן צוּזַאמֶען מִיט אַ גְרוּפֶּע חֲסִידִים בַּיי אַ מְלַוֶּה מַלְכָּה, מֶען הָאט גֶעמַאכְט אַ גוֹרָל וֶוער עֶס זָאל גֵיין קוֹיפְן בֵּייגְלֶעךְ פַאר מְלַוֶּה מַלְכָּה, דִי גוֹרָל אִיז אוֹיסְגֶעפַאלְן אוֹיף רֶבִּי נָתָן אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען קוֹיפְן. אוֹיפְ'ן וֶועג הָאט עֶר אַרַיינְגֶעטְרַאכְט אִין זַיין מַצָּב אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר דֶערְבִּיטֶערְט. "אוֹיף דֶעם בִּין אִיךְ בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן? צוּ קוֹיפְן בֵּייגְלֶעךְ?!" - הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט. עֶר הָאט אַרַיינְגֶעטְרַאכְט וָואס וֶועט זַיין זַיין תַּכְלִית אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן פוּן דֶעם.

עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעלָאזְט פוּן דִי בֵּייגְלֶעךְ אוּן עֶר אִיז אַרַיין אִינֶעם גְרוֹיסְן בֵּית הַמִּדְרָשׁ וָואס אִיז גֶעוֶוען לֵיידִיג אִינְמִיטְן דִי נַאכְט, עֶר הָאט זִיךְ אַוֶועק גֶעזֶעצְט אִין ווַייבֶּער שׁוּל מִיט אַ תְּהִלִּים, אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן אַ קַאפִּיטְל נָאךְ אַ קַאפִּיטְל מִיט גְרוֹיס בְּכִיּוֹת, עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אוּן נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען צוּ זִיךְ פוּן גְרוֹיס בִּיטֶערְנִישׁ, אַזוֹי הָאט עֶר גֶעזָאגְט תְּהִלִּים בִּיז קַאפִּיטְל נ', אוּן פוּן אַזוֹיפִיל וֵויינֶען אִיז עֶר גֶעוָוארְן אָפְּגֶעשְׁוַואכְט אוּן עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁלָאפְן.

עֶר הָאט גֶע'חָלוֹמְ'ט ווִי עֶר זֶעט אַ גְרוֹיסֶער לֵייטֶער פוּן דִי עֶרְד בִּיזְ'ן הִימְל, עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט אַרוֹיפְצוּגֵיין אוֹיפְ'ן לֵייטֶער עֶר אִיז אָבֶּער אַרָאפְּגֶעפַאלְן, עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט נָאכְאַמָאל אַרוֹיפְצוּגֵיין עֶר אִיז אָבֶּער נָאכְאַמָאל אַרָאפְּגֶעפַאלְן, ווִי מֶער עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט אַרוֹיפְצוּגֵיין הֶעכֶער אִיז עֶר אַרָאפְּגֶעפַאלְן פוּן אַ גְרֶעסֶערֶע פְּלַאץ אוּן זִיךְ נָאךְ מֶער צוּקְלַאפְּט, בִּיז עֶר הָאט גֶעכַאפְּט אַזַא טְרַאסְק אַז עֶר הָאט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן אוּן עֶר הָאט מֶער נִישְׁט פְּרוּבִּירְט אַרוֹיפְצוּגֵיין, אוּן דַאן אִיז אֵיינֶער אָנְגֶעקוּמֶען אוּן אִים מְחַזֵק גֶעוֶוען אוּן גֶעשְׁטַארְקְט, זָאגֶענְדִיג: "דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ!". דָאס אִיז גֶעוֶוען סוֹף יָאר תקס"ב לפ"ק פַאר סְלִיחוֹת.

אִין יֶענֶע צַייט הָאט גֶעוואוֹינְט אִין נֶעמִירוֹב אַ אִיד מִיטְן נָאמֶען ר' לִיפָּא, עֶר פְלֶעגְט פָארְן צוּ אַסַאךְ צַדִּיקִים, אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, וָואס אִיז נִישְׁט ווַייט פוּן נֶעמִירוֹב, אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען וואוֹינֶען אַ צַדִּיק, הָאט עֶר בַּאקוּמֶען חֵשֶׁק צוּ גֵיין צוּ אִים, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר טַאקֶע גֶעטוּן, עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף שַׁבָּת פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא. עֶר אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דִי דִיבּוּרִים וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט בַּיים רֶבִּי'ן אוּן זַיין הַארְץ הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן צִיעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ גְרוֹיסֶע בְּרֶען. יֶענֶעם שַׁבָּת הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְמַאנְט עֶטְלִיכֶע מָאל: "אִיךְ זֶע אַ נֵייעֶ נְשָׁמָה אִין אוּקְרַיינֶע נָאנְט צוּ בְּרֶסְלֶב", אוּן עֶר הָאט גֶערֶעדְט אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי נְשָׁמָה. דֶער עוֹלָם הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וֶועם דֶער רֶבִּי מֵיינְט מִיט דֶעם.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, וָואס אִיז דַאן גֶעוֶוען "א' סְלִיחוֹת", אִיז ר' לִיפָּא צוּרִיק גֶעפָארְן צוּ זַיין שְׁטָאט נֶעמִירוֹב, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּל זָאגְן סְלִיחוֹת, אוּן אַזוֹי ווִי עֶס אִיז אִים נָאךְ גֶעלֶעגְן אִין דִי בֵּיינֶער דִי הִתְעוֹרְרוּת וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען שַׁבָּת בַּיים רֶבִּי'ן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט דִי סְלִיחוֹת מִיט גְרוֹיס בְּרֶען אוּן כַּוָּנָה מִיט גֶעשְׁמַאק, אוּן אֲפִילוּ בַּיי דִי לֶעצְטֶע שְׁטִיקְלֶעךְ פוּן סְלִיחוֹת, ווִי "עֲנֵנִי ה' עֲנֵנִי" "מִי שֶׁעָנָה לְאַבְרָהָם" אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, דִי שְׁטִיקְלֶעךְ וָואס מֶען כַאפְּט שׁוֹין גֶעוֶוענְלִיךְ אָפּ, הָאט עֶר עֶס אָבֶּער גֶעזָאגְט מִיט גְרוֹיס חֵשֶׁק שְׁטַייט אוּן רוּאִיג אוּן מִיט גְרוֹיס כַּוָּנָה. וֶוען דִי אִינְגֶעלַייט אִין שׁוּל הָאבְּן גֶעזֶען דִי הִתְעוֹרְרוּת וָואס הָאט אָנְגֶעכַאפְּט דֶעם ר' לִיפָּא, הָאבְּן זֵיי אִים אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט נָאךְ סְלִיחוֹת וָואס דִי מַעֲשֶׂה אִיז, הָאט עֶר זֵיי דֶערְצֵיילְט אַז דָא נִישְׁט וַוייט, אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, הָאט זִיךְ אַרַיין גֶעצוֹיגְן אַ פְרִישֶׁער צַדִּיק, אַן אֵיינִיקְל פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב, אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוֹיף שַׁבָּת אוּן דָארְט אִיז עֶר זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס גֶעהֶערְט אִיז עֶר זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן, אֶפְשָׁר וֶועט עֶר בַּיי דֶעם צַדִּיק טְרֶעפְן דָאס וָואס עֶר זוּכְט, אֶפְשָׁר וֶועט דֶער צַדִּיק אִים אוֹיךְ מְעוֹרֵר זַיין אוּן אִים פִירְן אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג. נָאךְ יֶענֶעם טָאג הָאט עֶר זִיךְ צוּזַאם גֶעשְׁטֶעלְט מִיט רֶבִּי נַפְתָּלִי אוּן רֶבִּי זַלְמָן אוּן זֵיי זֶענֶען אִינְאֵיינֶעם גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן.

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן הָאט רֶבִּי נָתָן דֶערְקֶענְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען דֶער וָואס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אִין חָלוֹם אוּן אִים גֶעזָאגְט "דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ". דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט מִיט זֵיי אַ שְׁטִיק צַייט.

זַייעֶנְדִיג דָארְט הָאט רֶבִּי נָתָן שׁוֹין גֶעהֶערְט אַז בַּיים רֶבִּי'ן אִיז דֶער עִיקָר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר וֶועט נִישְׁט קֶענֶען בְּלַייבְּן דָארְט בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיז עֶר אַהֵיים גֶעפָארְן מִיטְן חֶשְׁבּוֹן צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

פְרַייטָאג פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ז אֱלוּל, הָאט זִיךְ רֶבִּי נָתָן אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיפְ'ן וֶועג צוּזַאמֶען מִיט זַיין חָבֵר רֶבִּי נַפְתָּלִי, צוּ פָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף שַׁבָּת אוּן שׁוֹין בְּלַייבְּן דָארְט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס אִיז דַאן אוֹיסְגֶעפַאלְן מָאנְטָאג אוּן דִינְסְטָאג.

אָנְקוּמֶענְדִיג צוּם רֶבִּי'ן הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֶועל אַייךְ פִירְן אוֹיף אַ נֵייעֶם וֶועג". פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעגֶעסְן בַּיים רֶבִּי'ן אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דִי דִיבּוּרִים וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט. נָאךְ דִי סְעוּדָה וֶוען דֶער עוֹלָם אִיז זִיךְ צֶעגַאנְגֶען, יֶעדֶער אִיז אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן, הָאט אָבֶּער רֶבִּי נָתָן נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין שְׁלָאפְן, עֶס הָאט גֶעבְּרֶענְט אִין אִים אַ גְרוֹיסֶע הִתְעוֹרְרוּת אוּן אַ פַייעֶר, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט אוּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִין בְּרֶסְלֶב בְּרֶענְט אַ פַייעֶר, פַייעֶר מִיר אַרַיין דָאס פַייעֶר אִין הַארְצְן אַרַיין!" עֶר הָאט גֶערֶעדְט אוּן גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי גַאנְצֶע נַאכְט. רֶבִּי נָתָן אִיז שׁוֹין גֶעבְּלִיבְּן בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן עֶר אִיז מוֹרָא'דִיג נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן דָארְטְן.

אִין אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג פוּן עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה אִיז רֶבִּי נָתָן אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן פְּרִיוַואט אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט זַיין גַאנְצֶע הַארְץ, אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער. דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים אוּן אִים זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעגֶעבְּן עֶטְלִיכֶע הַנְהָגוֹת וָואס צוּ טוּן, צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת אוּן נָאךְ. דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען מִיט אִים צוּ כַאפְּן אַ שְׁפַּאצִיר, דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט צוּ אִים דִיבּוּרֵי הִתְחַזְּקוּת אַז מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן אוּן צוּפַאלְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָואס עֶס זָאל זִיךְ נָאר דְרֵייעֶן מִיט אַ מֶענְטְשׁ דַארְף עֶר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג שְׁטַארְקְן אוּן דֶערְהַאלְטְן, אוּן אִינְמִיטְן דִי שְׁמוּעֶס הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף רֶבִּי נָתָנְ'ס אַקְסְל אוּן אִים גֶעזָאגְט: "אוּן וַוייטֶער אִיז זֵייעֶר גוּט אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַן אֶמֶתְ'ן גוּטְן פְרַיינְד". דַאן הָאט דֶער רֶבִּי אִים דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל גֶעזָאגְט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה פַאר אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, נָאר אַז עֶר זָאל אַנְטְלוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן

<<<<<<

>>>>>>

בחורים א לאנגע צייט צוליב דעם וואס די משפחה איז נאכנישט געווען גרייט צו אנהייבן די סעודה, און דער ראש ישיבה האט ארויסגעברענגט אז מען קען נישט שרייען אינדערהיים ווען מען איז נאכנישט גרייט, מען דארף זיך רעכענען מיט יענעם, ובפרט ווען ביי א מאן נעמט שנעלער זיך צו מאכן גרייט.

נאך די סעודה איז מען זיך צאמגעקומען זינגען צוזאמען זמירות שבת, אויך איז געווען די שלום זכר ביי האברך מו"ה בנציון יאקאבאוויטש הי"ו.

דער ראש ישיבה האט ארומגערעדט פון דעם וואס דער רבי האט געזאגט מען זאל קומען צו אים די דריי צייטן פון די יאר, שבת חנוכה, שבועות און ראש השנה, דער ראש ישיבה האט ארומגערעדט פון קומען צום הייליגן רבי'ן ראש השנה וואס דאס גייט אן אפילו נאכן רבינ'ס פטירה.

דערנאך האט מען נאך אביסל געזינגען און דער ראש ישיבה האט ווייטער ממשיך געווען צו רעדן פארוואס מען קומט צום רבי'ן שבת חנוכה, ווייל דעמאלט לערנט דער רבי אויס צו דאנקען דעם אייבערשטן אויף אלעס וואס מען האט, ס'איז דא מענטשן וואס ווען מען זאגט זיי דאנק דעם אייבערשטן אז דו קענסט זען, דו קענסט גיין, דו קענסט שמעקן, זאגט ער "יעדער קען זען, גיין, שמעקן און אזוי ווייטער", אבער דער אמת איז אז דאס איז נישט אמת, דער ראש ישיבה האט פארציילט מעשיות פון מענטשן וואס קענען נעבעך נישט זען, זיי קענען נישט שמעקן, זיי קענען נעבעך נישט גיין דער אייבערשטער זאל אפהיטן, א איד דארף זיך צוגעוואוינען דאנקען אויף יעדע זאך וואס מען האט יא.

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז בשעת די קאראנע האט א איד געדארפט האבן א מאשין צו אטעמען, דער דאקטער האט אים געשיקט עפעס א ריזן ביל צו באצאלן, און ווען דער איד האט דאס געזען האט ער אנגעהויבן וויינען און זיך אנגערופן "וויפיל בין איך שולדיג דעם אייבערשטן וואס געבט מיר צו אטעמען יעדע מינוט פון ווען איך בין געבוירן ביז היינט".

אויך האט דער ראש ישיבה ארומגערעדט די חסדים וואס דער אייבערשטער האט געטון מיט אים אז ער איז אנגעקומען צו מוהרא"ש, ווייל ער האט געהאט א בילד אין קאפ אז צו זיין א ערליכער איד דארף מען פאסטן, נישט שלאפן אין קיין בעט און אזוי ווייטער, אבער פון ווען ער האט באקומען דעם קליינעם ספר אשר בנחל האט זיך אין געעפענט א נייע וועלט, ער האט געזען אז מען קען עסן און שלאפן, אבער טו עס מיטן אייבערשטן.

אינדערפרי פאר'ן דאווענען האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט די סידור עת רצון די שטיקל פון מן המיצר וואס מוהרא"ש שרייבט אזוי שיין וויאזוי א מענטש דארף זיך דערהאלטן אין די שווערסטע מצבים וואס ער גייט נאר אדורך, און ווען ער האט יסורים זאל ער וויסן אז דאס קומט פונעם אייבערשטן, ער שיקט דאס פארן מענטש אים צו אויפוועקן פון שלאף.

צו שחרית איז דער ראש ישיבה צוגעגאנגען צום עמוד, און געדאווענט א ווארימע הלל וואס האט יעדן אנגעווארעמט דאס הארץ, אויך האט דער ראש ישיבה געליינט גאר ווארעם און געשמאק, און דערנאך געבענטש ראש חודש.

ביי סיפורי מעשיות האט דער ראש ישיבה פארציילט די מעשה וואס דער הייליגער רבי האט פארציילט פון א רב בישראל וואס האט אכט און צוואנציג יאר זיך געוואלגערט אין עולם התוהו רחמנא לצלן, האט דער רבי אויסגעפירט ווער עס וועט קומען צו מיר ראש השנה, שבת חנוכה און שבועות וועט ווערן ניצול פון דעם, מוהרא"ש איז מסביר, פארוואס פונקט די דריי צייטן? ווייל ראש השנה געט דער הייליגער רבי אריין א קלארע אמונה אינעם מענטש און מען הייבט אן צו רעדן צום אייבערשטן, שבת חנוכה באקומט מען די מתנה פון דאנקן דעם אייבערשטן אויף אלע חסדים, און שבועות די מתנה פון לערנען תורה אויפ'ן געשמאקן וועג וואס דער הייליגער רבי לערנט אונז אז מען דארף נישט פארשטיין ביים לערנען, נאר מען זאגט די ווערטער, וואס דורך דעם איז מען זוכה צו אדורכגיין כל התורה כולה.

אויך האט דער ראש ישיבה נאכאמאל גערעדט פון דאנקען דעם אייבערשטן, "וואס איז דער גאנצער מענטש? אין איין מינוט קען די מענטש אויפהערן אטעמען חס ושלום, א מענטש דארף זיך צוגעוואוינען צו דאנקן דעם אייבערשטן, נאכדעם קען מען בעטן דעם אייבערשטן וואס מען דארף".

ביי שלש סעודות האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט חיי מוהר"ן סימן פה די מעשה וואס דער רבי האט פארציילט חנוכה פון א גאסט וואס איז געקומען צו א בעל הבית און אים געוויזן וויאזוי מען קען לעבן דא אויף דער וועלט און זיין אין די זעלבע צייט דבוק צום אייבערשטן.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז מען פירט זיך ביי אנשי שלומינו דאס צו פארציילן שבת חנוכה, מען קען אין דעם זאגן אסאך פשטים, אבער איך זאג דאס וויאזוי איך האב פארשטאנען פון מוהרא"ש.

אויך האט דער ראש ישיבה מעורר געווען אנשי שלומינו זיך צו מאכן א שיעור אין ספר "ליקוטי מוהר"ן", וואס דאס וועקט אויף א מענטש פון שלאף און מאכט דעם מענטש רעדן צום אייבערשטן, ובפרט אז מען מאכט זיך א שיעור אין ספר "אשר בנחל" די בריוון פון מוהרא"ש, מאכט עס גלייך דער מענטש גיין אין בית המדרש דאווענען, אנטון תפילין און אזוי ווייטער.

שפעטער האט דער ראש ישיבה געצינדן די גרויסע מנורה אין שול, דער ראש ישיבה האט געזאגט מען זאלווארטן אויף אלע קינדער, זיי זאלן מיטהאלטן וויאזוי מען צינדט די מנורה.

זונטאג האט דער ראש ישיבה אויסגעניצט אריבער צו גיין אין די מוסד און רעדן צו די קינדער אין חדר הערן פון זיי וואס זיי לערנען און אזוי ווייטער.

דער שבת וועט זיכער געדענקט ווערן פאר א לאנגע צייט און מען וועט מיטנעמען די לימודים מיט זיך איבעראל וואו מען געפינט זיך נאר.

**השבת נועם הנשמות!**

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# פַּארְוָואס הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעלִיטְן אַזוֹיפִיל צָרוֹת?

***שְׁאֵלָה:***

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הֶער אַסַאךְ פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז אוֹיב מֶען פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן הָאט מֶען אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן. פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאבּ אִיךְ אָבֶּער גֶעלֵיינְט אַ בְּרִיוו וואוּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט אִיבֶּער דִי צָרוֹת וָואס מוֹהֲרָא"ש זי"ע הָאט גֶעלִיטְן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, הָאבּ אִיךְ זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן פַּארְוָואס אַזַא אֵיינֶער וִוי מוֹהֲרָא"ש - וָואס אִיז גֶעוֶוען אֵיין שְׁטִיק הִתְבּוֹדְדוּת אוּן אֵיין שְׁטִיק הֲפָּצָה אוּן אֵיין שְׁטִיק פוּן אַלֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן - פַּארְוָואס הָאט עֶר גֶעהַאט אַ לֶעבְּן פוּן צָרוֹת?

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר דָאס אוֹיסְקְלָארְן.

**יְיַשֵׁר כֹּחַ**

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

**יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּגַשׁ, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, ז' דְחֲנוּכָּה, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

מִיר זֶענֶען זֵייעֶר וַוייט פוּן פַּארְשְׁטֵיין פַּארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַז צַדִיקִים זָאלְן לַיידְן דוּרְכְאוֹיס זֵייעֶר לֶעבְּן אַלֶע שְׁוֶוערֶע יִסוּרִים אוּן צָרוֹת; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אִיז דָאס מַסְבִּיר בַּאֲרִיכוּת (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת תְּפִילִין הֲלָכָה ה', אוֹת כז-כח): "יֵשׁ צַדִיקִים גְּדוֹלִים כָּל כַּךְ שֶׁאֵין צְרִיכִין סִיּוּעַ מִלְּעֵילָא וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִתְנַהֵג עִמָּהֶם בַּתְּחִלָּה בְּמִדַּת הַדִּין וְהֵם עוֹמְדִים בְּכָל הַנִּסְיוֹנוֹת וְסוֹבְלִים כָּל מִינֵי יִסוּרִים וְצָרוֹת הַנִּמְשָׁכִין מִמִּדַּת הַדִּין", עֶס זֶענֶען דָא גְרוֹיסֶע צַדִיקִים וָואס לַיידְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, "וְנִשְׁאָרִים עַל עָמְדָם, עַד שֶׁזּוֹכִין לְמַה שֶׁזּוֹכִין", אוּן דִי צַדִיקִים דֶערְהַאלְטְן זִיךְ, זֵיי בְּלַייבְּן שְׁטַארְק מִיט זֵייעֶר וֶועג בִּיז זֵיי זֶענֶען זוֹכֶה צוּ וָואס זֵיי זֶענֶען זוֹכֶה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים יא, ה): "ה' צַדִּיק יִבְחָן", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְּרוּבִּירְט אוֹיס דִי צַדִיקִים.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה לב, ג): "הַיּוֹצֵר הַזֶּה אֵינוֹ בּוֹדֵק קַנְקַנִּים מְרוֹעָעִים", דֶער טֶעפֶּער וָואס מַאכְט טֶעפּ, וֶוען עֶר וִויל בַּאקוּקְן דִי טֶעפּ אוֹיבּ עֶס אִיז גֶענוּג שְׁטַארְק, קְלַאפְּט עֶר נִישְׁט אוֹיף דִי שְׁוַואכֶע טֶעפּ, "וּמָה הוּא בּוֹדֵק? בְּקַנְקַנִּים יָפִים", עֶר קְלַאפְּט אוֹיף דִי שְׁטַארְקֶע טֶעפּ, "שֶׁאֲפִלּוּ מַקִּישׁ עֲלֵיהֶם כַּמָּה פְּעָמִים אֵינָם נִשְׁבָּרִים", וִויפִיל עֶר קְלַאפְּט אוֹיף זֵיי צֶעבְּרֶעכְן זֵיי זִיךְ נִישְׁט, "כָּךְ אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְנַסֶּה אֶלָּא אֶת הַצַּדִּיקִים", אַזוֹי טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט דִי צַדִיקִים, עֶר קְלַאפְּט אוֹיף זֵיי צוּ זֶען אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן. דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי יוֹסִי זָאגְט: "הַפִּשְׁתָּנִי הַזֶּה, בְּשָׁעָה שֶׁהוּא יוֹדֵעַ שֶׁהַפִּשְׁתָּן שֶׁלּוֹ יָפֶה, כָּל שֶׁהוּא כּוֹתְשָׁהּ הִיא מִשְׁתַּבַּחַת, וְכָל זְמַן שֶׁהוּא מַקִּישׁ עָלֶיהָ הִיא מִשְׁתַּמֶּנֶת", וֶוען מֶען הָאט גוּטֶע פְלַאקְס דֶעמָאלְט קֶען מֶען דָאס גוּט אוֹיסְקְלַאפְּן, וַוייל וִוי מֶער מֶען קְלַאפְּט דָאס אוֹיס וֶוערְן זֵיי בֶּעסֶער אוּן פֶעטֶער, "וּבְשָׁעָה שֶׁהוּא יוֹדֵעַ שֶׁהַפִּשְׁתָּן שֶׁלּוֹ רָעָה, אֵינוֹ מַסְפִּיק לָקוּשׁ עָלֶיהָ אַחַת עַד שֶׁהִיא פּוֹקַעַת", וֶוען מֶען הָאט שְׁוַואכֶע סְחוֹרָה קֶען מֶען נִישְׁט קְלַאפְּן אוֹיף זֵיי וַוייל זֵיי וֶוערְן אִינְגַאנְצְן צֶעהַאקְט, "כָּךְ אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְנַסֶּה אֶלָּא אֶת הַצַּדִּיקִים", אַזוֹי טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט צַדִיקִים, עֶר קְלַאפְּט אוֹיף זֵיי וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז זֵיי וֶועלְן וֶוערְן מֶער נָאנְט צוּ אִים אוּן זֵיי וֶועלְן וֶוערְן מֶער בָּטֵל צוּ אִים. נָאךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר אַ מָשָׁל צוּ אַ בַּעַל הַבַּיִת וָואס הָאט צְוֵויי קוּעֶן, אַ שְׁוַואכֶע קוּ אוּן אַ שְׁטַארְקֶע קוּ, "עַל מִי הוּא נוֹתֵן אֶת הָעֹל, לֹא עַל זֹאת שֶׁכֹּחָהּ יָפֶה?" אוֹיף וֶועלְכֶע קוּ לֵייגְט דֶער בַּעַל הַבַּיִת אַרוֹיף דִי יָאךְ? זִיכֶער אוֹיף דִי שְׁטַארְקֶע קוּ, "כָּךְ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְנַסֶּה אֶת הַצַּדִּיקִים", אַזוֹי מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶר נֶעמְט דִי צַדִיקִים אוּן זֵיי פְּרוּבִּירְט עֶר אוֹיס, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים יא, ה): "ה' צַדִּיק יִבְחָן".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קע): "כָּל אֶחָד לְפִי נִשְׁמָתוֹ וּלְפִי עֲבוֹדָתוֹ כָּךְ יֵשׁ לוֹ יִסּוּרִים", יֶעדֶער אֵיינֶער לוֹיט וִוי גְרוֹיס עֶר אִיז אוּן לוֹיט זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער יִסוּרִים, "יֵשׁ שֶׁיֵּשׁ לוֹ יִסּוּרִים מִבָּנָיו וּמֵאָבִיו וּמִשָּׁכֵן", עֶס זֶענֶען דָא וָואס לַיידְן פוּן דִי קִינְדֶער, פוּן דִי עֶלְטֶערְן אוּן פוּן שְׁכֵנִים, "וְיֵשׁ שֶׁהוּא בְּמַדְרֵגָה גְּדוֹלָה מִמֶּנּוּ וְיֵשׁ לוֹ יִסּוּרִים מִשְּׁכֵנִים רְחוֹקִים", נָאכְדֶעם אִיז פַארְהַאן אֵיינֶער וָואס אִיז אִין אַ גְרֶעסֶערֶע מַדְרֵיגָה, עֶר לַיידְט אוֹיךְ פוּן וַוייטֶע שְׁכֵנִים, "וְיֵשׁ גָּדוֹל מִמֶּנּוּ וְיֵשׁ לוֹ יִסּוּרִים מִכָּל הָעִיר", נָאכְדֶעם אִיז דָא אַ גְרֶעסֶערֶער צַדִיק וָואס לַיידְט פוּן דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט, "וְיֵשׁ גָּדוֹל מְאֹד וְיֵשׁ לוֹ יִסּוּרִים מִכָּל הָעוֹלָם", נָאכְדֶעם אִיז דָא גָאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק וָואס לַיידְט פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; דָאס אִיז גֶעוֶוען מִיט מוֹהֲרָא"ש, אַלֶע הָאבְּן גֶעשְׁעפְּט פוּן אִים; מֶענְטְשְׁן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אִים קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקֶענְט אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶען הָאבְּן חוֹזֵק גֶעמַאכְט אוּן גֶערֶעדְט אוֹיף אִים.

וָואס מִיר דַארְפְן זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן דִי צַדִיקִים, אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן צֶעפַאלְן אוּן צֶעשָׁאסְן וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אוּנְז וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער; דֶער צַדִיק בְּלַייבְּט שְׁטֶענְדִיג שְׁטַארְק מִיט זַיין אֱמוּנָה. דַארְפְן מִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער וָואס גֵייט אַרִיבֶּער, מוֹהֲרָא"שׁ'ס שֵׁיינְקֵייט אִיז גֶעוֶוען אַז וִוי מֶער עֶר אִיז אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע יִסוּרִים הָאט עֶר אַלְץ מֶער בַּאלָאכְטְן דִי וֶועלְט מִיט זַיינֶע עֵצוֹת אוּן חִיזוּקִים, עֶר הָאט לִיכְטִיג גֶעמַאכְט פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

מִיר הָאבְּן נִישְׁט קֵיין הַשָּׂגָה וָואס אַ צַדִיק אִיז, מִיר זֶענֶען זֵייעֶר וַוייט פוּן קֶענֶען פַּארְשְׁטֵיין אַ צַדִיק וָואס אִיז אִינְגַאנְצְן בָּטֵל וּמְבוּטָל פַּאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; מִיר דַארְפְן זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט דִי עֵצוֹת אוּן חִיזוּקִים וָואס דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים הָאבְּן אוּנְז אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אוּן גֵיין אִין זֵייעֶרֶע וֶועגְן, דוּרְכְדֶעם וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**אַ לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה אוּן אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.**

(עֵצָתוֹ אֱמוּנָה פָּרָשַׁת וַיִּגַּשׁ תש"פ)

BreslevCenter.com\answers

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַן אֶמֶת'עֶר גוּטֶער חָבֵר.

דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען אַרַיין אִין רֶבִּי נָתָנְ'ס הַארְץ וִוי אַ פֵייעֶר, דַאן הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר וֶועט שׁוֹין זִיכֶער זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. וָואס עֶס וֶועט נָאר אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף אִים, וָואסֶערֶע סָארְט מְנִיעוֹת אוּן שְׁוֶועריִקַייטְן, סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים, עֶר וֶועט נָאר הָאבְּן; וֶועט עֶר דָאס אַלֶעס דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן אוּן אִים פִירְן אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג. אוּן פוּן דַאן אִיז עֶר שׁוֹין גֶעבְּלִיבְּן מְקוּרָב אוּן דָבוּק צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף אֵייבִּיג. אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס גְלַייךְ מְקַיֵּים גֶעוֶוען, עֶר אִיז אַרַיין אִין אַ שׁוּל וָואס אִיז גֶעוֶוען דַאן לֵיידִיג, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵיילְנְדִיג פַאר אִים אַלֶעס וָואס אִיז אִים גֶעלִיגְן אוֹיפְ'ן הַארְץ.

כָּאטְשׁ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אַסַאךְ תַּלְמִידִים, גָאר גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים, אִיז אָבֶּער רֶבִּי נָתָן יֶעדְן אִיבֶּער גֶעשְׁטִיגְן. עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶעם רֶבִּי'נְס לִימוּדִים אִיז נִישְׁט נָאר גֶעוֶוען פַאר דֶעמָאלְט, נָאר עֶס וֶועט שׁוֹין בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "מַיין פֵייעֶר וֶועט שׁוֹין טְלִיעֶן בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען". רֶבִּי נָתָן הָאט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אַלֶע סְפָרִים, אַלֶע תּוֹרוֹת אוּן שְׁמוּעֶסְן פוּן רֶבִּי'ן, אוֹיסֶער דִי סְפָרִים וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט אַלֵיין גֶעמַאכְט וָואס זֶענֶען מְחַיֶּ' אוּן מְחַזֵק, עֶס בְּלָאזְט אַרַיין אַ הָאפֶענוּנְג אוּן אַ שְׁטַארְקֵייט אִין יֶעדְן וָואס לֶערְנְט עֶס. בִּיזְ'ן הַיינְטִיגְן טָאג אִיז זִיךְ דִי גַאנְצֶע וֶועלְט מְחַיֶּ' מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים, מִיט דִי יְרוּשָׁה וָואס עֶר הָאט אוּנְז אִיבֶּער גֶעלָאזְט פוּן רֶבִּי'ן.

רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִי"ע, דֶער תַּלְמִיד מוּבְהָק וָואס הָאט אִיבֶּער גֶענוּמֶען רֶבִּי נָתָן, פְלֶעגְט אָנְהוֹיבְּן זַיין דְרָשָׁה בַּיי דִי סְעוּדַת הִילוּלָא פוּן רֶבִּי נָתָן מִיט דִי וֶוערְטֶער: "דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט אוּנְז אִיבֶּער גֶעלָאזְט אַ גְרוֹיסֶע יְרוּשָׁה וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, לָאמִיר זִיךְ צוּטֵיילְן צוּזַאמֶען מִיט דִי יְרוּשָׁה" אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אַרַיין אִין אַ שְׁמוּעֶס פוּן דִי הֵיילִיגֶע וַוארִימֶע דִיבּוּרִים פוּן רֶבִּי נָתָן וָואס זֶענֶען מְחַיֶּ' יֶעדְן אֵיינֶעם.

לָאמִיר זִיךְ אוֹיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי הֵיילִיגֶע יְרוּשָׁה, לָאמִיר לֶערְנֶען, הֶערְן אוּן מְקַיֵּים זַיין דִי אַלֶע עֵצוֹת אוּן לִמּוּדִים וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט אוּנְז אִיבֶּער גֶעלָאזְט פוּן רֶבִּי'ן, אוּן אַזוֹי וֶועלְן מִיר מַצְלִיחַ זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט לָנֶצַח נְצָחִים.

(סֵפֶר פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## מזל טוב אנשי שלומינו צום אנהייבן פון סדר מועד אין תלמוד ירושלמי

חסידי ברסלב תלמידים פון מוהרא"ש זי"ע כאפן זיך ארויף אויף דער געלעגנהייט ווען דער באן פון ירושלמי איז אנגעקומען צו א פרישע סטאנציע, און כאפן זיך ארויף דערויף און הייבן אן יעדן טאג צו לערנען א בלאט גמרא ירושלמי. מוהרא"ש זי"ע האט איינגעפירט אז אנשי שלומינו זאלן לערנען יעדן טאג א בלאט בבלי, א בלאט ירושלמי און א פרק תוספתא, זאגענדיג אז בבלי ירושלמי און תוספתא זענען ראשי תיבות "בית" און מיט דעם וואס מען לערנט יעדן טאג די דריי לימודים איז מען זוכה צו קויפן א הויז אויף יענע וועלט. מוהרא"ש פלעגט זאגן אז עס איז כדאי מען זאל זיך קויפן אליינס א הויז צו וואוינען דא אויף דער וועלט און נישט דארפן צוקומען צו א צווייטן צו דינגען און זיין אנגעוויזן אויף יענעמ'ס חסדים אז ער לאזט דיר דארט וואוינען, און דיין גאנצע רענט קויפט דיר גארנישט איין, די זעלבע זאך אויף יענע וועלט פלעגט מוהרא"ש זאגן דארף זיך א מענטש באזארגן ביים לעבן ער זאל נישט זיין היימלאז, און לערנען די דריי לימודים יעדן טאג געבט פאר א מענטש וואו צו וואוינען אויף יענע וועלט. מוהרא"ש פלעגט זאגן אז לערנען יעדן טאג די דריי לימודים איז אויך מסוגל צו קענען קויפן א הויז אויף דער וועלט. מען זעט טאקע אנשי שלומינו לערנען יעדן טאג די בית נצחי לימודים, און אפילו אינגעלייט קוים א יאר צוויי נאך די חתונה, קויפן זיך שוין א הויז.

ווען מען רעדט איבער לערנען יעדן טאג די דריי לימודים, קען מען נישט אויסלאזן צו רעדן איבערן סדר דרך הלימוד פון הייליגן רבי'ן. דער הייליגער רבי האט געוואלט מיר זאלן לערנען יעדן טאג זייער אסאך, אבער אויך אויב מען קען נישט לערנען יעדן טאג אסאך זאל מען כאטש לערנען אביסל יעדן טאג, אזוי אויך זאגט דער הייליגער רבי אז ענדערש זאל מען לערנען מער אן פארשטיין, ווי איידער לערנען וויניגער אבער טיף, דער רבי זאגט אז ווען א מענטש לערנט נאר אויב ער פארשטייט וועט ער צום סוף אלעס אפלאזן, און עס וועט גארנישט בלייבן פון אים, ער וועט איבערלאזן די וועלט אן עם הארץ אן קיין תורה. דערפאר זאל מען זיך צוגעוואוינען צו "זאגן" די ווערטער פון די הייליגע תורה, און אויב מען פארשטייט איז גוט, און אויב נישט איז אויך גוט, ווייל אויב מען לערנט שנעל וועט מען זוכה זיין צו קענען לערנען די תורה נאכאמאל און נאכאמאל, און וואס מען האט נישט פארשטאנען ביים ערשטן מאל וועט מען פארשטיין ביים צווייטן מאל אדער ביים דריטן מאל, און אויב מען וועט עס דעמאלטס אויך נישט פארשטיין איז אויך גארנישט, ווייל וואס א מענטש האט זוכה געווען צו לערנען אויף דער וועלט, וועט מען אים שוין מסביר זיין אויף יענע וועלט, און דארט וועט ער שוין אלעס פארשטיין.

מוהרא"ש פלעגט חזרן די שיחה (שיחות הר"ן סימן ע"ו) כסדר, כמעט ביי יעדע שמועס (אדער גאר ממש ביי יעדע שמועס) פלעגט מוהרא"ש דערמאנען דעם סדר דרך הלימוד פון הייליגן רבי'ן וואס זאגט אז זאגן די ווערטער פון תורה הייסט געלערנט. מוהרא"ש פלעגט זאגן אז מיר דארפן דאנקען דעם אויבערשטן אויף די גרויסע מתנה פון הייליגן רבין דער סדר דרך הלימוד, וואס אן דעם וואלטן מיר געלערנט אסאך וויניגער תורה, ווייל א מענטש איז נישט קיין מאשין, א מענטש האט א ווייב און קינדער, א מענטש פילט זיך אמאל בעסער און אמאל נישט, ער דארף ברענגען פרנסה, גיין צום דאקטאר, באצאלן בילס, גיין צו שמחות און אזוי ווייטער, וויאזוי וואלטן מיר זיך געקענט צוקלעבן צו די תורה אויב מען לערנט נאר ווען מען האט א חברותא, א קאפ, און געדולד?

דערפאר וועלן אנשי שלומינו אויסנוצן די געלעגנהייט און נישט קיין חילוק וואס איז געווען נעכטן, וועט מען היינט אנהייבן תלמוד ירושלמי שבת דף א און בעטן דעם אויבערשטן מען זאל קענען לערנען יעדן טאג און מיט דעם ווערן צוגעקלעבט צו די הייליגע תורה.

***

## געהויבענע שבת חנוכה אין שטעטל מיט'ן ראש ישיבה שליט"א

דער הערליכער שבת אין שטעטל צוזאמען מיט'ן ראש ישיבה שליט"א, איז געווען א פארגעניגן פון די ערשטע מינוט ביז די לעצטע מינוט, די שטעטל האט געלעבט אין א יום טוב'דיגע שטימונג, עפעס וואס מען קען נישט מסביר זיין מיט ווערטער, מיר וועלן פרובירן בלויז אראפצולייגן די כראנאלאגישע סדר וויאזוי עס איז צוגעגאנגען פון אנהייב ביזן סוף.

דער ראש ישיבה שליט"א איז אנגעקומען אין שטעטל מיטוואך ביינאכט פרשת וישב, די איינוואוינער האבן זיך אויפגעוועקט אינדערפרי צו א סופרייז, "דער ראש ישיבה געפונט זיך שוין אין שטעטל", און אפילו מען זעט נישט דעם ראש ישיבה יעדע מינוט, שפירט זיך אבער אין שטעטל א אנדערע לופט א אנדערע אטמאספער, א רואיגקייט לאזט זיך אראפ, מען שפירט עפעס אזא קלארע אמונה לופט וואס קומט מיט ווען דער ראש ישיבה קומט אין שטעטל.

דאנערשטאג אינדערפרי האט דער ראש ישיבה באזוכט אין ישיבה, און געדאווענט צוזאמען א ווארימע געשמאקע דאווענען. אויך האט דער ראש ישיבה באזוכט אין די מוסד און גערעדט צו די קינדער וויאזוי מען דארף זיך אויפפירן מיט מידות טובות און דרך ארץ. אויך האט דער ראש ישיבה געברענגט מען זאל אויסטיילן שיינע גרויסע תהילים'ס פאר די תלמידות פון בית פיגא בייגעלייגט מיט א בריוו.

דער ראש ישיבה שליט"א איז אויך אריבער אין בית הדפוס זיך אומקוקן אויף די הייליגע ארבעט וואס קומט דארט פאר, ווי מען דרוקט יעדן טאג נאך און נאך ספרים און קונטרסים פאר אידישע קינדער, אז זיי זאלן אויך וויסן די סוד וויאזוי מען קען האבן א שיינע פרייליכע לעבן מיט'ן אייבערשטן אויף דער וועלט.

ביינאכט נאכן צינדן דעם ערשטן לעכטל איז פארגעקומען דעם וועכנטליכן ליל ששי שיעור אין בית המדרש הגדול, דער ראש ישיבה האט שטארק ארומגערעדט פון נישט שרייען אינדערהיים, נאר זיך אויפפירן מיט א דרך ארץ אזוי ווי דער רבי לערנט אונז.

שפעט דאנערשטאג זענען די בחורים ארויסגעקומען אין שטעטל צו זיך אויפהאלטן אויף שבת חנוכה אין שטעטל צוזאמען מיט'ן ראש ישיבה שליט"א.

און אזוי איז מען אריין אינעם לעכטיגן שבת מברכים ראש חודש טבת, די וועטער אינדרויסן איז געווען גאר געשמאק ברוך השם, צוליב וואס גרויסע האבן געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל זיין שיינע וועטערס. דער ראש ישיבה האט געדאווענט אלע תפילות אין האשקי שול, קבלת שבת האט מען געהאט די זכי' צו הערן דעם ראש ישיבה דאווענען, עס האט אנגעווארעמט יעדנ'ס הארץ, די סעודה האט דער ראש ישיבה געגעסן מיט די בחורים אין בית המדרש. פאר די סעודה האט דער ראש ישיבה געשמועסט מיט די

<<<<<<

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **ישראל יוסף שניצלער** הי"ו

מגיד שיעור בישיבה הק' קרית ברסלב

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **יוסף מאיר שטיין** הי"ו

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב


## סאושעל סעקיורעטי

געב עס נישט פאר קיינעם זיכער נישט פאר דיין בעסטער חבר.

הער א וויכטיגע שיעור אויף דעם נושא

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 10, 1, 43**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 / 212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363 / קאנאדא 438-320-9090